אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו
די קהלות׃
14 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין לאַאָדיצעאַ
שרייב׃
דאָס זאָגט דער אמן, דער באַגלויבטער און וואָר־
האַפטיקער עדות, דער אָנהייב פון ג־טס יצירה׃
15 איך קען דיינע מעשים, אַז דו ביסט נישט קאַלט,
נישט הייס; הלוואי וואָלסט דו געווען קאַלט אָדער
16 הייס. אַט אַזוי, ווייל דו ביסט לוילעך, און נישט
הייס, און נישט קאַלט, וועל איך דיך אויסשפּייען
17 פון מיין מויל. ווייל דו זאָגסט: איך בין רייך און
האָב דערוואָרבן אַן עשירות, און דאַרף גאָרנישט
האָבן, און ווייסט נישט, אַז דו ביסט עלנט און
18 יעמערלעך און אָרעם און בלינד און בלויז; איך עצה
דיר צו קויפן ביי מיר גאָלד, וואָס איז געלייטערט
געוואָרן אין פייער, כדי דו זאָלסט ווערן רייך;
און ווייסע קליידער, כדי דו זאָלסט דיך אָנטון, און
די חרפה פון דיין נאַקעטקייט זאָל זיך נישט אַנט־
פּלעקן; און אויגנזאַלב, צו זאַלבן דיינע אויגן, כדי
19 דו זאָלסט זען. וועלכע איך האָב ליב, די שטראָף
איך און ציכטיק; זיי זשע אייפעריק און טו תשובה.
20 אַט שטיי איך פאַר דער טיר און קלאַפּ; ווען עמיצער
וועט הערן מיין קול און עפענען די טיר, וועל איך
אַריינקומען צו אים און עסן מיט אים די סעודה,
21 און ער מיט מיר. ווער עס איז מנצח, דעם וועל
איך געבן צו זיצן מיט מיר אויף מיין כסא־הכבוד,
ווי אויך איך האָב מנצח געווען און מיך אַנידער־
געזעצט מיט מיין פאָטער אויף זיין כסא־הכבוד.
22 ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער
גייסט זאָגט צו די קהלות.